# משנתו

מאמרים, מאורעות ופעולות בתוככי היהדות הנאמנה ההולכים לאורו של

## מרן רביה"ק מסאטמאר זי"ע

יו"ל ע"י תלמידי וחסידי סאטמאר - ארה"ב

שנה ו' גליון קפ"ב | תזריע-טהרה / אחרי-קדושים תשפ"ה לפ"ק




# בגלות ישראל

אוי לאזנים שכך שומעות ואוי לדור שכך עלתה לו בימיו

משה שטרנבוך

אברהם יצחק אולמאן — יהושע ראזענבערגער

יעקב מענדל יאראוויטש — יהודה פישר — שלמה יהודה הירש

שמואל בראנדסדארפער — שמעון יצחק שלזינגר — אהרן בראנדסדארפער

כי קרוב יום אידם

## יהדות החרדית קלאגט און טרויערט צו די 77'סטע יארטאג פונעם יום המר והנמהר, די ציוני'סטישע חגא ה' אייר

– גרינדונג-טאג פון ערגסטער ניאוץ מלכות שמים אין אידישער היסטאריע – "בגלות ישראל": שארפער קול קורא דורך מרן גאב"ד ירושלים שליט"א ובית דינו הצדק קעגן "רוח הלאומיות" וואס כאפט זיך אריין אויך צווישן חרדי'שן ציבור, ה"י

כִּלָּה ה' אֶת חֲמָתוֹ וַיַּצֶּת אֵשׁ בְּצִיּוֹן:

**פלוצלינגדיגע היסטארישע וואלדפייערן ארום ירושלים צושטערן ב"ה פילע שענדליכע חגא-צערעמאניעס**





תזדעזע עולם ומלואה:

# גזירת הגיוס אין אפעקט מיט צוואנג! איבער 30 "ישיבה בחורים" ארעסטירט אין לעצטע וואכן אדאנק נייע "צוי גיוס"!!!

קרוב צו 2,000 בני ישיבות שוין אונטער "ארעסט באפעל" ("צו מעצר"); איבער 20,000 ערווארטעט נאכצופאלגן, רח"ל

ווײ-געשריי פון

## כ"ק מרן אדמו"ר מסאטמאר שליט"א

בסעודת הילולא קדישא — כ"ו ניסן

**"עס איז א שווערער ביטערער מצב אין ארץ ישראל פון די שרעקליכע גזירה פון גיוס בני הישיבות, וואס ווערט נישט בעסער נאר ליידער ערגער, טויזנטער בני הישיבות בחורים און יונגעלייט, האבן באקומען א 'צו גיוס', עס זענען דא טויזנטער וואס האלטן שוין אסאך ווייטער, זיי האבן זיך נישט געשטעלט און האבן שוין אויף זיך א 'צו מעצר' ('ארעסט ווארענט'), און מען קען זיי ארעסטירן יעדן טאג, ה"י.**



**"מען ווייסט נישט מה יולד יום אין די שרעקליכע גזירה.**

"די עסקנים פון 'עזרה ויעוץ' ארבעטן בלב ובנפש ארויסצוהעלפן, און דער אויבערשטער זאל העלפן אז די גזירה זאל בטל ווערן און די גאנצע מדינה זאל בטל ווערן, וכל הרשעה כולה כעשן תכלה כי תעביר ממשלת זדון מן הארץ"

זכרו תורת משה עבדי:

## יסודות איתנים במלחמות ד' גע'חזר'ט דורך סאטמארער רבי שליט"א ביומא דהילולא קדישא פון מרן אביו רביה"ק הברך משה מסאטמאר זי"ע

"אן אחריות אויף יעדן איינעם צו אפהיטן הייליגע שטאט קרית יואל עס זאל בלייבן כמתכונתה ווי דער הייליגער מייסד האט דאס אוועקגעשטעלט" — "קרית יואל איז א פלאץ בלויז פאר תלמידי וחסידי רביה"ק, אזעלכע וואס גייען צום כותל האבן נישט וואס צו האבן דארט א ביהמ"ד!" — "שיקן די קינדער בלויז אין די היימישע ישיבות, וועלכע זענען עולה על כולנה איבער אלע ישיבות" — "מען דארף רחמי שמים מרובים איבערן גזירת החינוך אין ניו יארק, מען זאל קענען ווייטער מחנך זיין די קינדער ווי אמאל בלי שינוי"

משה יודא יואל ווייס

# קאמף קעגן טריפה'נע שקאלעם אין ארה"ק



**פארזעצונג פון פריער:**

לודוויג אויגוסט פרענקל, קומט אן קיין ירושלים, אין שליחות פון די ווינער רעפארמער, מיט'ן ציל צו גרינדן א שולע וואו מ'זאל אריינדרינגען שעדליכע לימודי חול און פארדארבענע השקפות אין די קינדערלעך, ר"ל, אונטער'ן שלייער פון א תורה'דיגן בית חינוך.

צו זיין שאק, ווערט ער אויפגענומען מיט א פייערדיגע מלחמה דורך בני ירושלים, און מ'לאזט אים נישט אריין אין די שוהלן. ער באשליסט אז ער מוז טרעפן א 'שפאלט' אינעם ירושלימ'ער מויער וואו ער זאל קענען אריינשטעקן זיינע גיפטיגע נעגל.

צום באדויערן האט ער עס געטראפן.

**און אצינד ליינט ווייטער:**

בעפאר מ'קען ערקלערן וואס האט זיך דא ווייטער אפגעשפילט, דארף מען צוריקגיין עטליכע הונדערט יאר פריער.

ס'איז ברייט באקאנט די "עליית רבי יהודה חסיד" אין די ענדע ת"ן יארן, אנגעפירט דורך רבי יהודה חסיד פון פוילן/ליטע (נישט אויסמישן מיט'ן בארימטן רבי יהודה החסיד בעמ"ח ספר חסידים, און צוואת רבי יהודה החסיד), ווען רבי יהודה האט אנגעפירט א קבוצה פון ארום 1,000 מענטשן וואס איז ארויפגעגאנגען קיין ארץ ישראל.

הארט נאך זיין ארויפקומען האט ער געבארגט געלט פון ארטיגע אראבישע באנקירער און דערמיט אפגעקויפט א שטח אין ירושלים עיה"ק (אלט-שטאט) צו בויען דערויף א בית הכנסת, אבער די השגחה עליונה האט געפירט אז עטליכע טעג דערויף איז ער נסתלק געווארן יונגערהייט. אין די קבוצה וואס איז מיטגעקומען מיט אים האט אויסגעבראכן מחלוקת, און זיי האבן נישט געקענט אויפקומען מיט'ן געלט צו באצאלן פאר די אראבער.

האבן די אראבער פארטריבן אלע אשכנזי'שע אידן פון ירושלים, און פאר די קומענדיגע הונדערט יאר האט קיין אשכנזי'שער איד זיך נישט געקענט באווייזן דאס פנים אין די הייליגע שטאט. אויב האט ער יא געוואלט אהינקומען, ווער רעדט נאך פון זיך באזעצן אינעם עיר הקודש, האט ער עס נאר געקענט טון דורכ'ן זיך פארשטעלן ווי א ספרדי'שער איד, מיט זייער פולע טראגע.

עס האט געדויערט ביז יאר תקצ"ו ווען רבי שלמה אברהם זלמן צורף - וועלכער איז ארויפגעקומען מיט די עלי' פון תלמידי הגר"א (פרושים) - איז זיך דורכגעקומען מיט די אראבער און אפגעצאלט דעם חוב. דאן האט מען ווידער אפגעקויפט דעם ארגינעלן שטח, און אויפגעבויט דערויף די שוהל "חורבת רבי יהודה החסיד".

## ספרדי'שער דאמינאנץ

במשך די גאנצע הונדערט יאר, האט די ספרדי'שע קהלה אין ירושלים זיך שטארק באפעסטיגט, ווי אויך אויפגעבויט גוטע באציאונגען מיט די טערקישע הערשער. זיי האבן זיך איינגעפודעוועט זייער קהלה, און דאמינירט דאס אידישע לעבן.

אויך ווען אשכנזי'שע - און אנדערע ספרד'ישע, פון מאראקא א.ד.ג. - האבן זיך באזעצט אין ירושלים אין געהיים, האט די ארגינעלע ספרדי'שע קהלה פארגעזעצט צו אנהאלטן פעסטן קאנטראל אויפ'ן אידישן לעבן אין די שטאט. די אשכנזים האבן נישט געקענט אויפנעמען קיין אייגענעם שוחט, אייגענע שוהלן, חברא קדישא, א.א.וו.

דורכאויס די צווייטע העלפט פון די ת"ק יארן, ווען עס האבן זיך אנגעהויבן פארמערן די עליות פון אויסגערופענע בני עלי' וועלכע האבן עולה געווען קיין אר"י, ספעציעל די עליות פון תלמידי הבעש"ט הק' און תלמידי הגר"א, האט זיך אנגעהויבן פארגרעסערן די אידישע אנוועזנהייט אין ירושלים, אבער דער גרעסטער חלק פון די אשכנזי'שע עולים האבן זיך באזעצט אין גליל, צפת און טבריא, אין גרויסן טייל טאקע צוליב דעם קאמף פון די ירושלימ'ער אראבער קעגן די "שְׁכְּנָזִים".

צוביסלעך האבן אבער גרעסערע גרופעס אשכנזי'שע אידן זיך באזעצט אין ירושלים, און ס'האט אנגעהויבן ווערן רייבערייען צווישן די צוויי געמיינדעס. די אשכנזים האבן זיך געשפירט אונטערדרוקט און באקריוודעט, אבער די ספרדי'שע קהלה האט נישט געוואלט אויפגעבן איר העגעמאניע.

ביי די צייט פון אונזער געשיכטע האבן אין ירושלים געוואוינט א געשאצטע 7,500 ספרדים, אבער ס'האבן שוין אויך געוואוינט דארט 2,500 אשכנזים, וואס איז טאקע א פערטל אין מאס, אבער איז גענוג א גרויסער כח צו וועלן מאכן שבת פאר זיך.

דאס האט נאטורליך געפירט צו היפשע רייבערייען צווישן די צוויי געמיינדעס.

## השכלה אין אייראפע

אויסערדעם דארף מען נעמען אין באטראכט נאך א וויכטיגע זאך.

די פארשאלטענע השכלה און רעפארם האט אנגעהויבן בושעווען אין אייראפע, צווישן די אשכנזי'שע אידן, אין די ענדע 1700'ער יארן למספרם. ס'האט זיך אנגעהויבן אין בערלין מיט'ן טרויעריג-בארימטן פוקר משה מענדלסאן שר"י, און די באוועגונג האט צוביסלעך זיך גענומען פארשפרייטן איבער די לענג און ברייט פון אייראפע.

הונדערט יאר שפעטער, די תקופה וואו מיר שטייען יעצט, האט זי שוין באוויזן חרוב צו מאכן הונדערטער קהלות אין אייראפע, און אומצאליגע אידן זענען שוין געווען פארכאפט אין אירע לאפעס - און זי וועט פארזעצן צו זיין אן אבן נגף פאר'ן אידישן פאלק ביז'ן היינטיגן טאג, מיט הונדערטער מיליאנען קרבנות פארברענט אויף איר שייטערהויפן.

דאס איז אבער געווען בעיקר אין די אשכנזי'שע לענדער.

צווישן די ספרדי'שע געמיינדעס האט מען אויך געזען נאכווייען פון השכלה און רעפארם, אבער אהין איז עס אנגעקומען אסאך שפעטער, און אויף אנדערע אופנים. - מ'זעט אז נאך אפילו ביז'ן היינטיגן טאג די ספרדי'שע אידן, אפילו אזעלכע וואס זענען ליידער שטארק אפגעפרעמדט פון מסורת אבות און די תורה הק', זענען זיי אבער אסאך מער תמימות'דיג און האבן א געוויסע שעצונג צו תלמידי חכמים אד"ג, אויף א פארנעם וואס מ'זעט נישט ביי די פארפאלענע אשכנזים.

דאס האט געפירט דערצו אז די מלחמה קעגן משכילים און רעפארמער, און ספעציעל זייערע ראפינירטע טאקטיקן זיך אריינצורוקן מיט א תמימות'דיגן שלייער פון 'איינעם וואס מיינט גארנישט', איז געווען מער באקאנט ביי די אשכנזי'שע אידן, וואס דער מציאות האט זיי געצווינגען צו אנטוויקלען א גוטן 'ראדאר' און אויפכאפן ווען ס'קומט א מסוכנ'דיגער פארשוין, מיט א געפארפולע אידעאלאגיע וואס הייבט זיך אן מיט א קליין לעכל אבער וועט עווענטועל זינקען די גאנצע שיף.

די ספרדי'שע אידן זענען נישט געווען אזעלכע מלומדי מלחמה.

***

לודוויג אויגוסט פרענקל האט דאס אויך זייער גוט געוואוסט.

(פארזעצונג קומט אי"ה)

על משמר החינוך
דרכי המלחמה עפ"י משנתו של מרן רביה"ק מסאטמאר זי"ע




מציץ מן החרכים

# א בליקעלע אונטער'ן "מרכז" פירהאנג

## קורצער 'ארייַנבליק' אין די מרכז עזרה ויעוץ פעולות אין די לעצטע וואכן אין צייט וואס די מצילי המרכז אטעמען נישט צוליב אומגעהויערער אנלויף מכל רחבי הארץ ווי קיינמאל בעפאר

### נאך א בחור און נאך איינס...

- **היינט אליין זענען עטליכע געווארן איינגעזעצט, און א מערהייט פון זיי זענען שוין באפרייט. א בחור וואס פאליציי האט היינט אפגעשטעלט האט זיך גלייך פארבינדן מיט ר' שמעון שישא, ער האט גלייך באקומען פונקטליכע אנווייזונגען וואס צו טון, און ב"ה ער איז אויפן ארט באפרייט געווארן.**
- אין די אויגן פון די עסקנים קוקט עס אפשר אויס ווי נאך א רוטינע טאג, מען נעמט ארויס נאך אפאר בחורים פון תפיסה. אבער פאר יעדער פון די גערעטעוועטע איז דאס אן אומפארגעסליכע איבערלעבעניש. - דאס זיצן אין ארעסט איז באגלייט מיט שווערע געפילן פון אומזיכערקייט און איינזאמקייט. און טאקע פאר דעם שטייען די עסקנים פון עזר"י צו זייער זייט מיט א געטריישאפט, העלפן זיי מיט אלעס וואס זיי דארפן, סיי געריכטליכע און סיי פשוטע עלעמענטארע געברויכן.
- **היינט אינדערפרי איז א ספרדי'שער בחור אנגעקומען אין לופטפעלד און געוואלט ארויספארן קיין חוץ לארץ צו א חתונה. די פאליציי האט אים אפגעהאלטן און גענומען צום מיליטערישן טורמע. - ברוך ה', ביז געציילטע שעות איז ער באפרייט געווארן. היינט מיטאג איז ער שוין געווען אינדרויסן.**
- נאך א בחור וואס מען האט היינט איינגעשפארט אין "כלא 10" איז ארויס ב"ה, מיט די הילף פון די עסקנים.
- אינדערפרי איז א היימישער בחור געווארן איינגעזעצט אין לופטפעלד. דער בחור איז שוין 5 יאר א "משתמט" (= ער האט זיך נישט געשטעלט אין מיליטער). ער איז היינט אריבער א געריכט און מען האט פארלענגערט זיין ארעסט מיט נאך אפאר טעג. די עסקנים דרוקן אויס האפענונג אז ער וועט אינגיכן באפרייט ווערן.
- די זעלבע זאך איז מיט א חשוב'ער יונגערמאן פון צפת וואס איז אויך א "משתמט" פאר 5 יאר. ער זיצט יעצט אין תפיסה און מען האפט בקרוב אים צו זען אינדערויסן.
- **א שווערערע קעיס איז מיט א בחור וואס איז ליידער נעבעך נישט בייגעשטאנען דעם נסיון און געגאנגען לערנען א פאַך ביי די מיליטער, אלס א צוגרייטונג פאר'ן רעקרוטירט ווערן אין מיליטער ה"י. ווען עס איז אבער געקומען למעשה האט ער זיך נישט געשטעלט, און יעצט האבן אים די פאליציי געכאפט נאכ'ן זוכן 8 חדשים. ער ווערט אנגערופן ביי זיי אן "עריק" (=איינער וואס איז אנטלאפן פון מיליטער, וואס דאס איז מער הארב). די עסקנים ארבעטן אים צו באפרייען.**

### ערב פסח;
### עולם כמנהגו נוהג...

- די הכנות צום יום טוב זענען אין פולן שוואונג, אבער אין צוויי פלעצער גייט אלעס אן ווי געווענליך, ממש עולם כמנהגו נוהג: 1) ביי די רשעות'דיגע מיליטערישע אויטאריטעטן און 2) אין רעזולטאט, ביי די אפיסעס פון עזר"י. די רשעים אין מיליטער רוען נישט אפילו אויף א רגע, זיי טוען אלע מיטלען אריינצוכאפן נאך און נאך בני ישיבות אונטער זייערע נעגל.
- דאס באקומט אן ענטפער אין די פארעם פון הדרכה, יעוץ און הילף פון די געטרייע מצילים וואס נעמען אויף טאג איין טאג אויס צענדליגער וואס קומען בעטן פאר הילף.
- **ברוך ה' אז אין די לעצטע טעג האבן אפאר אידן וואס זענען געווען שווער פארפלאנטערט באקומען אן ענדגילטיגע פטור. זיי זענען פארשטייט זיך געקומען אפרעכטן א פרייליכע לחיים אין די אפיסעס (און אזוי האבן די מצילים כאטש געהאט וואס צו נעמען אין מויל אנשטאט פרישטאג/מיטאג/נאכטמאל).**
- היינט זענען געהאלפן געווארן צוויי וואס זענען געווארן אפגעשטעלט אין לופטפעלד, און נאך אינעם זעלבן טאג זענען זיי באפרייט געווארן פון ארעסט בס"ד.
- **מאנטאג האט די פאליציי גענומען אין תפיסה א יונגערמאן, 36 יאר אלט, וואס ער איז שוין א 'משתמט' איבער 11 יאר! געווענליך איז די מינימאלע עונש פאר אזא זאך צוויי חדשים תפיסה 'קעגן יעדע יאר'! און אין א צייט פון א מלחמה - אזוי ווי יעצט - איז דער עונש טאפלט. וואס וואלט געמיינט 44 חדשים! ה"י. נאך אומערמידליכע ארבעט פון רבי שמעון צוזאמען מיט'ן לויער ר' מנחם שטאובער האבן זיי באוויזן דעם שטוינענדן קונץ: דער יונגערמאן וועט ארויסגיין פון תפיסה אום בלויז צוויי טעג!**
- היינט איז ר' שמעון אראפגעפארן צו א צאל טורמעס אין שטאט רמלה, דארט האט מען מחזק געווען די ארעסטאנטן. אין איינע פון די טורמעס האט מען אפגעראכטן א מעמד הכנסת ספר תורה, וואו המציל ר' דוד משה דייטש הי"ו איז ארויס אין אן עקסטערן טאנץ צוזאמען מיט די ארעסטאנטן.
- **אינטערעסאנטער עפיזאד היינט אין אפיס: צוויי בארימטע לויערס מיט געוואלדיגע פארבינדונגען אין אלע הויכע פענסטערס זענען געקומען זיך בוראטן מיט ר' שמעון שישא... די צוויי זענען שוין געווען אין אפיס פאר א חודש צוריק און ר' שמעון האט זיי געגעבן די פונקטליכע אנווייזונגען, אבער זיי האבן זיך גרויס געהאלטן אז מיט זייערע פארצווייגטע פארבינדונגען וועלן זיי זיכער זיך מסדר זיין מיט אנדערע וועגן. ר' שמעון האט זיי געזאגט דעמאלטס מיט א שמייכל אז ערווארט זיי צו זען קומען צוריק אין אפיס... און טאקע היינט זענען זיי צריק געקומען אין אפיס מודה זיין אז אזעלכע גרויסע לויערס ווי זיי מוזן צוקומען צו די הילף פון "הרב שישא"!**
- ס'איז לעצטנס צוגעקומען א נייער כח אין אפיס, דער לויער ר' מאטי וואלף הי"ו וואס האט זיך גענומען באגלייטן די אלע אקטיוויטעטן פון עזר"י. זאל עס ברענגען גרויס הילף.



## אמאל און היינט...

בחור שילדערט אין א דאנק בריוול אדרעסירט צו מצילי מרכז עזרה ויעוץ; הר"ר שמעון שישא, הר"ר ישראל דירנפעלד-מציל בני ברק, און הרב יעקב וויינבערג-מציל אלעד, וויאזוי עס האט אויסגעקוקט א 'פטור' בעפאר מרכז עזרה ויעוץ און 'פטור' מיט מרכז עזרה ויעוץ...

## גבדא דמלכא

## קבלת פני רבו ברגל


כ"ק גאב"ד ירושלים שליט"א ביי מכירת חמץ אין לשכת הבד"ץ, בהרכב מלא פון אלע חברי הביד"צ שליט"א


הגאון הגדול רבי יהודה פישער, חבר הבד"ץ


הגאון הגדול רבי אהרן בראנדסדארפער, חבר הבד"ץ – אויך, הגה"צ רבי ישראל חיים קאהן, רב דק"ק תולדות אהרן


ביים איבערגעבן פאר'ן ספרא דדיינא הג"ר יצחק שלמה בלויא – בנוכחת כ"ק אדמו"ר מדושינסקיא שליט"א – די הונדערטער 'טשעקס' וואס זענען אויסגעטיילט געווארן במשך ימי החג פאר גרויסע משפחות בני העדה החרדית, אויפ'ן איניציאטיוו פון "ועד הפעולה שע"י העדה החרדית"


הגאון רבי אהרן פעלדמאן, ר"י באלטימאר


האדמו"ר מדושינסקיא


האדמו"ר מתולדות אהרן


ביי שריפת חמץ


האדמו"ר מפינסק-קארלין


האדמו"ר ממאכנובקא-בעלזא


האדמו"ר מסטראפקוב

### מעשה שטן:

# ארום אכציג קרבנות האבן זיך ליידער רעקרוטירט דעם מאנטאג צום א.ג. חרד'ישן 'חשמונאים' בריגאדע

ביי צווייטע 'רעקרוטירונג רונדע' אינערהאלב די בריגאדע – דערמיט איז די בריגאדע ליידער פארברייטערט געווארן מיט אריבער טאפלט רעקרוטירטע, רחמנא לצלן – שטורמישע פראטעסטן פארנט פון לשכות הגיוס און אין חרדי'שע שטעט, הילכט אפ איבער'ן לאנד – שאנדע ווען 'חרדי'שער' ציוני'סטישער מיניסטער דרוקט אויס שטיצע פאר 'חרדי'שע מתגייסים' (טראץ וואס ש"ס פארטיי האט נישט אפיציעל פארדאמט פראטעסטן)




### שומו שמים:

# יונגעלייט פון חסידי'שע קהלות ווי בעלזא, קארלין-סטאלין, צאנז, ערלוי, און נאך וועלן זיך רעקרוטירן צום טריפה'נעם מיליטער, ה"י

דאס אומגלויבליכע פאסירט ליידער: ארום צוואנציג חסידי'שע יונגעלייט, געמישט פון די אלע קהלות, זיך רעקרוטירט צום טמאנ'עם מיליטער וואו זיי וועלן טון אפיס ארבעט – איז טאקע קליינער מספר, אבער ברעכט ליידער דורך פעלזן-פעסטע חומה, וואס תוצאותיו מי ישורנה, היל"ת – אשר קרך בדרך ויזנב בך כל הנחשלים אחריך!

זיך מזכיר צו זיין פאר א ישועה ביי רבי שמעון בר יוחאי

און שיקן א קוויטל וואס וועט ווערן פארגעליינט ביים ציון קודש הקדשים דורכ'ן בעל מסירת נפש הר"ר שמעון שישא שליט"א

רופט דעם עסקן המרכז בארה"ב הר"ר הערשל פר"מ הי"ו אויף 718.977.5227

להערות והארות אדער פאר מוסדות עטה"ק וועלכע ווילן אדווערטייזן
אין אונזער גליון ביטע שיקן אן אימעיל צו mishnuso@gmail.com

Mishnusoi | POB 152, Monroe NY 10950 | 845.391.0399 | mishnuso@gmail.com